בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**יום טוב סוכות, ט"ו תשרי תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון ד'**

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......6:02
מוצאי שבת קודש......7:29

## א מעשה פון תפלה

### שלמה יאקאבאוויטש

פארענדיג אויפ'ן וועג מיט מיין ווייב און קינדער האב איך פלוצלונג באמערקט ווי עס איז דא לעמפעלעך אינטער מיר; די פאליציי איז אינטער מיר און שטעלט מיר אפ פאר'ן נישט פארן אויפ'ן ריכטיגן וועג, איך האב גלייך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר נישט דערלאנגן א טיקעט נישט פאר דעם און נישט פאר'ן האבן די קינדער אינטער מיר נישט געהעריג צוגעבינדן [להלכה ולא למעשה] די פאלאציאנט קומט צוריק און.... קיין איין טיקעט האב איך נישט באקומען פון אים ברוך השם.

### יעקב משה אינדארסקי

אזוי ווי ארום דעם שטעטל דרייען זיך זייער אסאך הערשן און אסאך מאל פאסירט כמעט עקסידענטן מיט זיי; בעהט איך יעדן טאג דעם אייבערשטן פאר איך פאר ארויס אז עס זאל גארנישט פאסירן קיין שלעכטס, ווי אויך זאג איך תפלת הדרך און איך לייג אריין צדקה אין די פושקע, איין טאג פאר איך אזוי אויפן וועג און פלוצלינג שפיר איך א זעץ; יא א הערש האט אריינגעזעצט אין מיין קאר, איך קום ארויס און איך קוק זיך אום אויפ'ן קאר און... איך זעה נישט קיין איין קריץ אינעם קאר פון די הערש, דאס האט נאר געקענט פאסירן ווייל איך בין מתפלל יעדן טאג פאר דעם.

## נייעס אין שטעטל

מאנטאג ערב יום הקדוש איז צושפרייט געווארן די גאר גוטע נייעס אין שטעטל אז די ראש ישיבה שליט"א גייט ארויס קומען געבן א שיעור התחזקות, אום 9:00 אזייגער איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש צו אפווארטן דעם ראש ישיבה שליט"א, ווי נאר די ראש ישיבה איז אריינגעקומען אין בית המדרש האט ער זיך געגעבן ארוף אן "איך האב מיך אזוי געבענקט נאך ענק; איך האב געזעהן ענק רופן מיך נישט צו קיין שיעור בין איך אליין געקומען". דערנאך האט די ראש ישיבה געגעבן א לאנגע שיעור התחזקות די גרויסקייט פון דעם הייליגן טאג יום כיפור וואס די אייבערשטער איז יעדן מוחל, און ארום גערעדט פון די גרויסקייט פון לעבן באחדות מיט א ליבשאפט און איבערגעגעבענקייט איינער פאר'ן אנדערן. די עולם איז אהיים מיט אויפגעלייגטע געמוטער און זיך טאקע צוגעגרייט צום גרויסן טאג אזוי ווי עס באדארף צו זיין.

**ויום טוב היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש**

## מודעה

דאנערשטיג חול המועד אום 6:00 אזייגער וועט פארקומען די
סעודת הילולא פונעם הייליג'ן רבין ז"ל
בהשתתפות פונעם ראש ישיבה שליט"א
אינעם גרויס'ן סוכה דא אין שטעטל.

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

יום ב׳ פרשת ראה, כ״ה מנחם-אב, שנת תשע״ט לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

שטארק זיך זייער מיט אמונה; געב א קוק וואס פאר א ניסים דער אייבערשטער טוט מיט דיר. דו האסט זוכה געווען חתונה צו האבן, דו האסט א טייערע ווייב תחי׳, נאך אביסל ביסטו שוין א טאטע׳לע, זאלסטו ווייטער דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן וועסטו זען ניסים ונפלאות.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט מיט האלטן דעם גמרא שיעור יעדן טאג; האברך היקר לי ... נרו יאיר לערנט פאר יעדן טאג דעם דף גמרא, ער לערנט דאס פאר בטוב טעם ודעת; שיין, קלאר און שנעל. בעט איך דיר זאלסט פרובירן מיט צו האלטן דעם שיעור יעדע פארנאכטס.

איך וועל שרייבן פאר דיין ווייב אז זי זאל מסכים זיין אוועק צו געבן פון איר צייט יעדע פארנאכטס אז דו זאלסט קענען גיין צום שיעור.

אז דו וועסט מיט האלטן דעם שיעור וועסטו מיר מאכן א גרויסע נחת רוח.

**טראכט כאילו דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם דף, דעמאלט וואלסטו דאך זיכער געקומען און געזיצן מיט דרך ארץ.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

בעזרת ה׳ יתברך

ערב שבת קודש לסדר כי תבוא לאומאן, כ׳ אלול, שנת תשע״ט לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

שטארק זיך טייערער ... נרו יאיר מיט דיינע שיעורים כסדרן; הייב אן דעם טאג מיט מקרא - לערן יעדן טאג אביסל חומש רש״י מיט׳ן תרגום, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער, אזוי אז ביז סוף וואך וועסטו ענדיגן די גאנצע פרשה שנים מקרא ואחד תרגום.

נאכדעם זאלסטו לערנען משנה; אז דו קענסט לערנען ח״י פרקים משניות איז נישט דא קיין גרעסערס פון דעם. משניות איז מזכך דעם מענטש, עס טוישט דעם מענטש פון שלעכטס צו גוט. ווען מענטשן וואלטן געוויסט דאס גרויסקייט פון משניות וואלט מען נישט אפגעלאזט דעם משניות.

נאכדעם מאך זיך א שיעור אין ש״ס; הייב אן ש״ס כסדרן, לערן א בלאט נאך א בלאט.

אויך זאלסטו לערנען הלכה; דער הייליגער רבי האט געהייסן (שיחות הר״ן, סימן כט): ״שֶׁכָּל בַּר יִשְׂרָאֵל מֻכְרָח לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם אֵיזֶה הֲלָכָה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ״, יעדער איד מוז לערנען יעדן טאג הלכה.

**איך האף מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף גלייך נאך סוכות צו עפענען א כולל ערב אין שטעטל וואו מען וועט לערנען הלכה; הלכות טהרה פאר אברכים.** איך וויל זייער שטארק אז דו זאלסט קומען אין כולל לערנען הלכה.

בנוגע הכנסת אורחים וכו׳; עס איז זייער א גרויסע מצוה אריינצונעמען געסט, אבער מען דארף וויסן ווי איין און ווי אויס. צו די סעודות קענסטו רופן בחורים, אבער צום שלאפן איז נישט כדאי אריין צו נעמען א בחור וד״ל.

א גוט שבת.

א כתיבה וחתימה טובה.